# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית נתנדב
**לזכות אברהם יצחק יקותיאל בן אסתר פראדל**

## פרשת וישלח

# די חשיבות פון געלט

**פרנס השבוע**

נתנדב לעילוי נשמת

ר' **אלעזר** ב"ר **אהרן שלו'** ז"ל **בראדט**

נפ' כ"א כסלו תשנ"ט לפ"ק

איש החסד הי' אהוב למעלה ונחמד למטה ומקובל על הבריות

• • •

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.

לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג**
**ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה,**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת וישלח

שנה ג'

# די חשיבות פון געלט

## תוכן:

חלק א. דעם אייבערשטענס געלט - חלק ב. געלט איז צייט - חלק ג. אויסניצען די צייט

## חלק א. דעם אייבערשטענס געלט

### יעקב אבינו ביים טייך

ווען יעקב אבינו האט זיך צוריקגעקערט קיין ארץ כנען פון פדן ארם, אנגעלאדנט מיט פארמעגנס וואס ער האט ערררייכט אין הויז פון לבן, האט פאסירט זייער אן אינטערעסאנטער עפיזאד. די תורה דערציילט ווי אזוי יעקב און זיין פאמיליע זענען אנגעקומען צום טייך יבק וואס ער האט געדארפט אריבערגיין צו קענען גיין ווייטער אין וועג. עס איז נישט גרינג אריבערצוגיין א טייך, בפרט ווען מ'גייט מיט א גרויסע פאמיליע און ארומגענומען מיט פיל שאף און רינדער און קנעכט און אייגנטום - אבער יעקב איז גרייט געווען דאס צו דורכפירן.

יעקב איז גראדע געווען א גיבור. ווי אזוי ווייס איך דאס? ווייל די תורה דערציילט אונז אז ווען ער איז צום ערשטן מאל אנגעקומען קיין חרן פיל יארן פריער, האט ער אליין אראפגענומען דעם שטיין וואס האט באדעקט דעם ברונעם - דאס איז געווען אזא שווערער שטיין אז פיל פאסטוכער אינאיינעם האבן עס נישט געקענט רירן. מיינט נישט אז צדיקים דארפן זיין שוואך. יעקב איז געווען אויסערגעוויינליך שטארק. אלזא, האט ער אנגעהויבן עוסק זיין אין אריבערפירן זיין פאמיליע אריבער דעם טייך יבק.

עס שטייט אין פסוק אז יעקב איז געגאנגען אהין און צוריק, אהין און צוריק, אריבערפירנדיג זיין פאמיליע און זיין גאנץ פארמעגן אריבער דעם טייך צו די יבשה. **וַיַּעֲבִרֵם אֶת הַנָּחַל וַיַּעֲבֵר אֶת אֲשֶׁר לוֹ** - און ער האט זיי אריבערגעפירט דעם טייך און אויך אלעס וואס האט געהערט צו אים (וישלח לב:כד).

און דאן פלוצלינג האט עפעס פאסירט: **וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ** - און יעקב איז געבליבן אליין אויף איין זייט פונעם טייך. יעדער קען די מעשה ווי אזוי א מלאך האט אנגעטראפן יעקב אליין און ער האט זיך געראנגלט מיט אים ביז אינדערפרי. אבער דאס איז נישט אונזער נושא אין דעם יעצטיגן

שיעור - וואס מיר ווילן דערגיין איז, ווי אזוי האט דאס פאסירט פון אנהייב אן אז יעקב איז געבליבן אליין.

## די טייערע קריגלעך

די חז"ל זאגן אונז וואס עס האט פאסירט. עס איז נישט געווען יעקב'ס כוונה לכתחילה. די חז"ל דערציילן אונז אז "**שכח פכים קטנים**"; ער האט פארגעסן אפאר ערדענע קריגלעך אויף די אנדערע זייט טייך. ער איז אריבער דעם טייך מיט זיין פאמיליע אבער דערנאך האט ער זיך דערמאנט אז ער האט איבערגעלאזט אפאר ביליגע קריגלעך, האט ער זיך אומגעקערט זיי צו נעמען (רש"י לב:כה).

למעשה איז דאס היבש אינטערעסאנט. ער איז צוריקגעגאנגען צו נעמען אפאר קליינע כלים?! נאך אלעם, יעקב איז געווען זייער רייך און די חז"ל באטאנען אז די כלים זענען געווען פכים קטנים; נישט נאר וואס זיי זענען געווען קליין, נאר עס איז געווען ערדענע כלים. כלי חרס זענען ווערד אפאר פרוטות - אפשר מער ווי אפאר פרוטות, אבער זיכער נישט גענוג ווערד אז יעקב זאל זיך דארפן באדערן צו אריבערגיין דעם טייך דערפאר. אפילו אויב עס וואלט נישט געווען א געפאר צו אריבערגיין דעם טייך, פארוואס זאל אים אנגיין אז ער האט איבערגעלאזט אפאר ביליגע זאכן אויפ'ן אנדערן זייט טייך?

## ליבשאפט צו געלט ביי די צדיקים

אויף די מעשה זאגט די גמרא (חולין צא.) אזוי: "**צדיקים חביב עליהם ממונם**" - פון דא זעט מען אז ערליכע אידן האבן ליב זייער געלט מער ווי זיי האבן ליב זייער קערפער; זייער געלט איז טייערער צו זיי ווי זייערע קערפערס. אויב יעקב אבינו האט זיך אנגעשטרענגט צו אריבערגיין דעם טייך בלויז אויף צו נעמען זיינע קריגלעך, איז דאס א ביישפיל פון אן ערליכער איד.

"אהא!" וועט איר זאגן, "די געלט גייציגע ארטאדאקסישע אידן! כ'האב דאס אלעמאל געוואוסט!" אה ניין! מיר רעדן דא נישט פון ארטאדאקסישע אידן - מיר רעדן דא פון צדיקים. נישט אלע ארטאדאקסישע אידן זענען צדיקים אבער די וועלכע זענען יא, האבן ליב זייער געלט מער ווי זייער קערפער.

אלזא, דאס איז אן אויסדרוק וואס געוויסע מענטשן פארשטייען נישט ריכטיג און ניצן עס נישט פאסיג, אבער ס'איז אן אמת'ער מציאות און דערפאר איז וויכטיג עס גוט צו ערקלערן. ווייל אויפ'ן ערשטן בליק, איז עס פארקערט פון וואס מיר ערווארטן. "געלט?!" זאגט דער צדיק, "פעך! ווער דארף עס?" אבער אצינד זעען מיר אז די פארקערטע איז אמת. חז"ל זאגן אונז אז פאר די ערליכע איז געלט די וויכטיגסטע זאך. און אויב זיי שטעלן צו אט די ליבשאפט צו געלט צו אונזער פאטער יעקב, אונזער וועג ווייזער, דארפן מיר פראבירן דאס צו פארשטיין. ווייל אייגנטליך הערט זיך עס נישט לאגיש צו אונז. פאר דער רייכער יעקב זאל אנגיין אזוי שטארק אויף זיין פארמעגן אז ער זאל צוריקגיין צו אפאר ביליגע פכים קטנים?

דער ענטפער איז אז יעקב איז נישט צוריקגעגאנגען פאר זיינע קריגלעך - ער איז צוריקגעגאנגען צו נעמען דעם באשעפער'ס קריגלעך! פאר די קריגלעך פון הקדוש ברוך הוא, אפילו זיי זענען ביליגע ערדענע כלים, גייט מען אריבער דעם טייך.

## א געטרייער אפוטרופוס

איך וועל דאס ערקלערן. אט איז א רייכער מענטש וואס זיצט ביי זיין קאך טיש און ציילט זיין געלט, ווען מיטאמאל קוילערט זיך אראפ א קווארטער פון טיש. וואס טוט ער? ער שטעלט זיך אויף זיינע קניען אונטער'ן טיש און זוכט די מטבע. 'איך ווייס אז עס איז ערגעץ דא,' טראכט ער. דאן שפאצירט זיין ווייב אריין אין קאך און זי שטייט דארט און לאכט פון אים. "סעם? דו, סעם?! דו קריכסט אויפ'ן ערד פאר א קווארטער? וואס איז א קווארטער ביי דיר?!"

ענטפערט ער, "דו פארשטייסט נישט חנה, עס איז נישט מיין מטבע. דאס איז געלט וואס געהערט פאר'ן שול; ס'איז הקדש געלט. איך בין אויפגענומען געווארן אלס נכסים גבאי פונעם שול און איך צייל די געלט וואס מיר האבן פארדינט ביים לעצטן אפיל." ער איז זייער א רייכער מענטש אבער ער נעמט אן זיין אויפגאבע מיט א מכובד'יגע ערנסטקייט - ער ווייסט אז עס איז נישט זיין געלט וואס ער קען לאזן פארלוירן גיין.

אלזא, שטעל זיך פאר דו ביסט א צדקה גבאי און דו האסט איבערגעלאזט ערגעץ אביסל פון די צדקה געלט; האסט עס בטעות געלאזט אויפ'ן טיש אין געשעפט. דו מוזט צוריקגיין! ס'איז קאלט אינדרויסן? מאכט נישט אויס! ס'איז נישט דיין געלט. פון דיין געלט מעגסטו פארגעסן, אבער צדקה געלט, האסט נישט קיין ברירה.

אן אמת'ער עבד ה' פארשטייט אז אפילו "זיין" געלט איז נישט עכט זיינס. ער איז א געטרייער אפוטרופוס פון באשעפער און דערפאר, אפילו אויף זיין אייגענע אייגנטום געבט ער גוט אכטונג ווי גלייך עס זאל זיין צדקה געלט - ס'איז דעם באשעפער'ס געלט.

יעקב אבינו, נישט נאר וואס ער האט געזאגט, "מיין געלט נישט נישט עכט מיינס" - סתם אבי געזאגט, וואס יעדער קען זאגן, נאר ער האט עס פאקטיש געפילט! יעקב אבינו איז נישט געווען רייך - ער איז געווען אן ארעמאן. "אלעס וואס איך האב," האט ער געזאגט, "איז נישט מיינס. עס געהערט צום באשעפער. איך בין דער גבאי וואס איז פארפליכטעט צו אכטונג געבן אויף דעם באשעפער'ס פארמעגן; און דערפאר איז עס נישט אין מיין ברירה צו פארשווענדן דעם באשעפער'ס געלט לויט מיינע אייגענע גלוסטונגען אדער צו זיין פארנאכלעסיג מיט דאס אייגנטום וואס דער באשעפער האט מיר אנפארטרויעט. ס'איז נישט מיין געלט. איך בין בלויז א פינאנץ אויפזעער פאר'ן באשעפער."

## יעדער מענטש איז א פינאנץ אויפזעער

לאמיר זאגן דו ביסט דער סעקרעטאר פון פינאנצן פון די פאראייניגטע שטאטן פון אמעריקע; צי האסטו די רעכט צו נעמען דאלארן און ארויסווארפן פון פענסטער? שטעל זיך פאר דו גייסט פארביי דעם פינאנץ בנין אין וואשינגטאן און דו זעסט דאלארן ארויספליען פון פענסטער. דו קוקסט ארויף און דו זעסט דעם סעקרעטאר פון פינאנץ אגענטור שטיין ביים פענסטער און ערווארפט ארויס דאלארן פון זיין אפיס. מען וואלט געשיקט פאליציי צו אים און גלייך אפגעפירט אין תפיסה. יעדער ווייסט אז די געלט איז נישט זיינס צו פארשווענדן.

יעקב האט פאקטיש געלעבט מיט א נאכאנאנדע באוואוסטזיניגקייט אז ער איז בלויז דער סעקרעטאר פון פינאנצן פאר א געוויסער סכום געלט און אייגנטום וואס דער באשעפער האט אים געגעבן צו אכטונג געבן דערויף צייטווייליג. ער האט געלעבט מיט אזא קלארקייט אין דעם, אז

ווען קליינע קריגלעך זענען געבליבן אויפ'ן אנדערן זייט טייך, האט ער זיך געפירט ווי א געטרייער אפוטרופוס און איז צוריקגעגאנגען עס נעמען; זיי זענען נישט געווען זיינס - ער איז צוריקגעגאנגען נעמען דעם באשעפער'ס פארמעגן.

אזוי טוט א געהויבענער מענטש אפשאצן זיין פארמעגן. ס'איז נישט מיינס. איך קען עס נישטווארפן אויפ'ן גאס. איך קען עס נישט פארשווענדן. ער האלט נישט אז עפעס געהערט צו אים; ער איז בלויז דער פינאנץ אויפזעער ביים באשעפער. אויב איז ער אן ארעמער צדיק דאן איז ער דער פינאנץ אויפזעער פון אפאר דאלער וואס ער האט אין זיין בערזל און נאך אפאר הונדערט דאלער וואס ער האט אוועקגעלייגט אונטער זיין מאטראץ. אויב איז ער א רייכער צדיק, איז ער אויפגענומען געווארן אלס סעקרעטאר פון פינאנצן ביים באשעפער.

## חתונה פארשווענדונגען

דאס איז א טייל פון די שלימות צו וואס א מענטש דארף צוקומען אויף די וועלט - מיר דארפן זיך איינגעוואוינען צו אט די באוואוסטזיניגקייט. ווען א מענטש האט אזא סארט באוואוסטזיניגקייט אויף די פארמעגנסט פון באשעפער; ער שפירט אז ער פארמאגט גארנישט אייגנס, ער האלט עס בלויז אלס אפהיטונג פאר'ן באשעפער, דאן האט ער דערגרייכט צום הויכפונקט פון אמונה; ס'איז א באוואוסטזיניגקייט צו א יסודות'דיגע לערע וואס מיר געפינען אין אנהייב פון די תורה. **בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים** - אין אנהייב האט דער באשעפער באשאפן. דער פסוק לערנט אונז פיל זאכן, אבער איינע פון די עיקר לערעס איז אז קיין שום זאך אויף די וועלט איז נישט הפקר. קיין זאך איז נישט אן א בעל הבית ווייל דער באשעפער האט עס באשאפן. עס איז זיינס. דאס איז די ערשטע לערע. **לה' הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ** - צום באשעפער געהערט די וועלט און אלעס וואס איז דערין! אפילו דיין געלט, דיינע פכים קטנים, דאס אלעס געהערט פאר'ן באשעפער.

ווען א מענטש מיינט אז זיין געלט איז זיינס, זאגט ער, "וואס הייסט איך מעג נישט אויסגעבן $50,000 פאר מיין טאכטער'ס חתונה? ס'איז מיין געלט!" אזעלכע ווערטער מיינט אז ער האט נאכנישט דערגרייכט צום ריכטיגן באוואוסטזיניגקייט צום באשעפער.

## נישט אוועקווארפן

דערפאר איז אסור צו פארפאטשקען זאכן. ס'איז נישט בלויז די פאר דאלער; ס'איז דער ענין פון געדענקען אז ס'איז נישט דיינס - דו פארפאטשקעסט וואס עס געהערט נישט צו דיר. דאס איז אלעמאל געווען דער מהות צווישן אידן; 'ווארף נישט אין מיסט'. ווען די מאמע פון א דור צוריק פלעגט זאגן פאר איר קינד, "עס אויף; ווארף נישט אין מיסט," איז עס נישט געווען בלויז ווייל זיי זענען געווען ארעם - עס איז געווען ווייל זיי האבן פארשטאנען אז גארנישט איז אונזער'ס.

עס זענען דא אזעלכע מענטשן וואס זענען גענוג קלוג נישט אוועקצווווארפן פלעסטיק געשיר. אין אמעריקע זענען דא ווייניג אזעלכע, אבער דאך זענען דא געוויסע וואס וואשן נאך אלץ אויס זייערע פלעסטיק געשיר און ניצן זיי נאכאמאל און נאכאמאל אן קיין גרעניץ. פלעסטיק גאפלעך און פלעסטיק מעסערס און פלעסטיק טעלערס. פארוואס קען מען עס נישט אויסוואשן? איך פארשטיי עס נישט.

דערפאר איז א געוואלדיגע זאך צו זען א באלעבאסטע, זי האט א נאסע טאוועל פאפיר; ס'איז נישט שמוציג, ס'איז נאר נאס, איז ווארפט זי עס נישט אוועק. זי נעמט די נאסע טאוועל פאפיר און

הענגט עס אויס צום טריקענען און איבערניצן. נישט נאר ווייל זי איז אן אשת חיל וואס פראבירט צו שפארן איר מאן'ס געלט, נאר זי פראבירט פירן א ווירטשאפט און שפארן פרוטות. אבער ס'איז נישט בלויז צו שפארן די פרוטה; ער קען איר מעגליך זאגן, "עס פעלט נישט אויס חנה," אבער זי טוט עס סייווי ווייל זי וויל זיך איינגעוואוינען צו אנערקענען אז פאקטיש איז עס דעם באשעפער'ס טאוועל פאפיר - זי געוואוינט זיך איין צו טראכטן ווי יעקב אבינו.

# חלק ב. געלט איז צייט

## א באזוך ביים חפץ חיים

אבער ס'איז דאך דא א צווייטע א סיבה, און א גרעסערער טעם פארוואס צדיקים זארגן אזוי אויף זייער אייגנטום. און דאס איז אן ערקלערונג וואס עפנט פאר אונז אינגאנצן א נייער בליק אין עבודת ה', וואס מיר לערנען פון דעם אויסדרוק אז, "די פארמעגנס פון די ערליכע זענען מער באליבט ביי זיי ווי זייערע קערפערס."

איר ווייסט פארוואס יעקב אבינו איז צוריקגעגאנגען צו נעמען די פכים קטנים? ווייל אפילו קליינע ערדענע כלים זענען ווערד געלט, און געלט איז צייט! דאס איז דער יסוד פון דער אויבנדערמאנטער מאמר חז"ל: פכים קטנים איז גלייך צו צייט און צייט איז די וויכטיגסטע זאך וואס דו פארמאגסט אין לעבן!

איך געדענק ווען מיינס א חבר, א ישיבה בחור, איז געפארן באזוכן דעם חפץ חיים אין ראדין. לײדער בין איך נישט מיטגעגאנגען מיט אים. איך בין געווען אן ארעמער בחור און איך האב נישט געהאט די געלט צו גיין פון סלאבאדקע קיין פוילן. ליטא און פוילן האבן נישט געהאט קיין גוטע דיפלאמאטישע באציאונגען, דערפאר האט מען נישט געקענט אריבערפארן דעם גרעניץ גלייך; מען האט געדארפט פארן אן אומוועג דורך לאטוויע און איך האב זיך עס נישט געקענט ערלויבן. אבער מיין חבר איז געגאנגען - ער האט באזוכט דעם חפץ חיים.

ער האט מיר אליין דערציילט די מעשה. ווען ער איז אנגעקומען צום הויז פון חפץ חיים איז ער אריין אין פארצימער וואו ער האט געזען צוויי אלטע לייט זיצן. האט ער זיך אויך אראפגעזעצט; ער האט געווארט - ער האט געטראכט אז עס וועט קומען די צייט און דער גבאי וועט ארויסקומען און אים רופן צו אריינגיין צום חפץ חיים. ער האט געווארט און געווארט און געווארט און געווארט ווען ענדליך האט זיך איין אלטער מאן אנגערופן צו אים, "יונגערמאן, אויף וואס ווארטסטו?"

## צייט איז געלט?

האט ער געענטפערט, "איך בין געקומען זען דעם חפץ חיים."

האט יענער אלטער מאן געוויזן אויף דעם אנדערן אלטן מאן און געזאגט, "אט איז ער! דער אלטער מאן וואס זיצט אויפ'ן באנק, דאס איז דער חפץ חיים."

איז ער צוגעגאנגען צו אים. דער חפץ חיים איז דאן שוין געווען זייער אלט, כמעט הונדערט יאר אלט. ער האט געקוקט אויף מיין חבר און אים געפרעגט, "פון וואו ביסטו געקומען?"

האט ער געענטפערט, "איך בין פון אמעריקע."

ווען דער חפץ חיים האט דאס געהערט האט ער זיך אנגערופן, "אין אמעריקע זאגט מען אז צייט איז געלט, אבער זיי דארפן ענדערש זאגן, 'געלט איז צייט'". עד כאן זענען געווען די ווערטער פון דעם חפץ חיים.

דאס זענען זייער וויכטיגע רייד פון א גרויסער מענטש: געלט איז צייט - געלט איז וויכטיג נישט צוליב די געלט אליין נאר ווייל געלט איז צייט.

אויב ביסטו פארנאכלעסיג מיט דיינע זאכן, אויב דו פארליערסט דיינע תפילין ווייל דו לייגסט עס ערגעץ אין בית המדרש און פארגעסט דערפון; דו קומסט צוריק דעם קומענדיגן טאג און זיי זענען מער נישט דארט, דאן ביסטו זייער ווייט פון צו זיין וואכזאם צו דעם ווערד פון לעבן. יעצט דארף דיין ארעמער טאטע גיין פארדינען זעקס הונדערט דאלער צו קויפן נאך א פאר תפילין פאר דיר. ער איז א קנעכט; ער געבט אוועק פון זיין צייט, זיין לעבן, פאר די געלט.

אלזא, עטליכע יאר שפעטער ווען דער זעלבער ישיבה בחור איז א חתן געווארן, איז ער געשטאנען פאר א גרויסן פראבלעם; פון וואו צו נעמען געלט פאר א דיאמאנט רינגל. א דיאמאנט רינגל! דאס איז פון די נויטיגסטע זאכן. ווער געבט דען נישט א דיאמאנט רינגל פאר די כלה? און איר פאמיליע שטייט געשפאנט צו זען וואספארא ביליגע רינגל דער חתן גייט געבן.

איז וואס האט דער ארעמער בחור געטון? ער פארמאגט גארנישט, אודאי האט ער נישט די געלט צו קויפן א רינגל; בארגט ער פון זיין ארעמען טאטן. ער נעמט **$1900** פון זיין טאטן'ס אפגעשפארטע געלט און קויפט א דיאמאנט רינגל.

אלזא, מענטשן וואס מיינען אז **$1900** דאלער פאר א רינגל איז גארנישט, זאלן גוט אויסהערן ווייל איר זענט פון די וועלכע דארפן עס הערן מער ווי סיי ווער. זייט געדולדיג מיט מיר ווייל איר וועט מעגליך הערן עפעס איבערראשנדע זאכן, ווייל געוויסע סטאנדארטן זענען געווארן אזוי אנגענומען און אזוי נארמאל ביי אונז אז זיי ווערן שוין אינגאנצן נישט באטראכט ווי לוקסוס.

## וואכן פון דערגרייכונגען

איך האב אמאל באזוכט ביי א מענטש אין זיין הויז; איך בין געזעסן אויף זיין סאפע און ער האט געזאגט, "די סאפע אויף וועלכן דו זיצט האט מיר אפגעקאסט אכט הונדערט דאלער." היינט איז אכט הונדערט דאלער א פרייז פון א סאפע פון אן ארעמאן, אבער דאס איז געווען צוואנציג יאר צוריק (950' למספרם). איך בין כמעט אראפגעפאלן פון די סאפע. איך האב געפרעגט, "וויפיל געלט פארדינסטו?" ער האט געמאכט זיבעציג דאלער א וואך. איך האב פרובירט צו זיין איינגעהאלטן, ווען נישט וואלט איך אים געגעבן א מי שברך וואס ער וואלט קיינמאל נישט פארגעסן. פאר א סאפע האט דער מענטש אוועקגעגעבן איבער צען וואכן פון זיין לעבן. ער שטייט אויף גאנץ אינדערפרי יעדן טאג און לויפט ארויס כאפן דעם באס אדער באן. ער קומט אהיים ביינאכט. צען וואכן פאר א סאפע! איי איי איי, וואס ער וואלט געקענט טון מיט די דאזיגע צען וואכן! ער וואלט געקענט איינקויפן עולם הבא.

דיין געלט, דיין פארמעגן, איז וויכטיג נישט נאר ווייל דו ביסט דער פינאנץ סעקרעטאר אויף אלעם וואס דער באשעפער האט דיר געגעבן, נאר נאכמער, ווייל כדי צו פארדינען דאס געלט דארפסטו באצאלן מיט צייט. און צייט איז לעבן! אלזא, ווען מענטשן פארשווענדן געלט אן צו טראכטן, טוען זיי אייגנטליך פארשווענדן שטיקער פון זייער לעבן. אויב דו גלוסט צו אומוויכטיגע

זאכן, דו קויפסט לוקסוריעזע זאכן וואס דו קענסט זיך אן עצה געבן אן דעם, געבסטו אוועק א טייל פון דיין לעבן אומזיסט.

## ווען א פרוי געט אויס געלט

ווען א פרוי גייט ארויס און קויפט, לאמיר זאגן, א טייערן קארפעט, קען דאס אמאל מיינען פיר וואכן פון איר מאן'ס לעבן. דער פאקט אז ער שטעלט זיך נישט דערגעגן איז ווייל לעבן איז ביליג אין זיינע אויגן; ס'איז ווערדלאז. ער איז ווי א שעפעלע וואס לאזט זיך פירן צום שחט הויז; דער ארעמער מענטש פארשטייט נישט אז ער ווערט אפגעשניטן פון א טייל פון זיין לעבן. ווייל אויב דער קארפעט וואלט פארבליבן אין געשעפט, וואלט ער געקענט נעמען פיר וואכן וואקאציע און ער וואלט זיך געקענט ארייננזעצן אין מירער ישיבה, אפילו בלויז צו זיצן און קוקן אויף די ישיבה בחורים.

בלויז צו זיצן און קוקן אויף זיי איז ווערד געלט! זיץ פיר וואכן אין מירער ישיבה און באטראכט די לויטערע פנים'ער פון די פיינע בחורים און דו האסט אויפגעטון געוואלדיגע זאכן. ווי עס שטייט אין פרקי אבות (ה:יד): **הולך ואינו עושה, שכר הליכה בידו** - אויב גייסטו וואו מענטשן לערנען תורה און דו האסט נישט געלערנט א ווארט, באקומסטו שכר פאר'ן גיין. עס לוינט צו גיין צו די ישיבה און זיצן און בלויז קוקן אויף זיי - אפילו אויב דו פארשטייסט אינגאנצן נישט זייער שפראך. און אודאי אויב דו וואלטסט גענומען דאס געלט וואס דו האסט אויסגעגעבן פאר דעם טייערן קארפעט און גערדונגען איינער זאל מיט דיר לערנען דארט, וואלטסטו געקענט אויסוואקסן גרויס! א שאד! דו ביסט בא'גנב'ט געווארן פון די געלעגנהייט צו הצלחה, צו שלימות.

און דערפאר האלטן די צדיקים טייער זייער געלט. געלט מיינט לעבן און לעבן איז סחורה וואס טאר נישט אויפגעטרישט ווערן פאר קיין זאך אויסער עפעס מיט וואס מ'קען קונה זיין שלימות אין עבודת ה'. די איינציגסטע זאך צו וואס עס איז ווערד צו מקריב זיין דאס לעבן, איז פאר תורה; שלימות. ווען נישט, האסטו געמאכט א שלעכטער געשעפט.

אלזא, איך זאג דיר נישט וואס צו טון אויב דיין ווייב וויל אויסגעבן געלט צו האבן א הויז וואס איז מער עלעגאנט, ווייל עס ווענדט זיך אין פיל פרטים. אודאי, אויב קענסטו איר איבערעדן נישט צו זיין אזוי פארשווענדעריש און ערקלערן אז דאס האט באמת נישט קיין ווערד, דאן איז זיכער גוט. אבער אויב זי האלט זיך ביי איר'ס, דאן דארף מען איר אביסל נאכלאזן. זיכער אזוי; נאך אלעם איז עס א חסד.

צו טון חסד מיט דיין ווייב איז זייער א וויכטיגע זאך אין לעבן. **וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ**, "דו זאלסט ליב האבן דיין חבר פונקט ווי דו האסט זיך אליין ליב." און דיין ווייב איז דיין נאנטסטע מענטש! אודאי זאלסטו האנדלען מיט דיין ווייב מיט שעצונג און אין א געוויסער מאס זאלסטו אויסגעבן געלט לויט איר רצון. דו וועסט דארפן צוקומען צו עפעס א סארט פשרה, אבער סיי וואס זאל זיין,ביידע פון אייך דארפן וויסן אז עס איז נישט געלט וואס איר געבט אויס, ס'איז לעבן.

יעקב אבינו האט נישט געוואלט פארפאטשקען זיין לעבן. עס איז נישט געווען בלויז פכים קטנים - עס איז געווען לעבן! צו פארלירן די ערדערנע כלים וואלט געמיינט אז מען וואלט געדארפט אויסגעבן א געוויסער מאס צייט און אנשטרענגונג צו דעקן דעם פארלוסט. און דער פארלוסט פון צייט איז געווען צו טייער צו פארזען. דערפאר איז ער צוריקגעגאנגען - נישט נאר ווייל ער האט נישט געוואלט פארפאטשקען געלט נאר ווייל געלט איז צייט!

## א שאד אויף די ירושה

די גמרא (גיטין מז.) דערציילט איבער דעם אמורא ריש לקיש וועלכער איז געווען אן ארעמאן; ער האט געלעבט ממש מיט די מינימאלסטע געברויכן. עס איז געקומען דער טאג ווען ער האט זיך געגרייט צו פארלאזן די וועלט. לאמיר זיך פארשטעלן די סצענע: ריש לקיש ליגט אויפ'ן קראנקן בעט אין זיינע לעצטע מינוטן. זיין כאטקע איז ליידיג ווייל ער איז נישט געווען דער סארט מענטש וואס פארפאטשקעט זיין לעבן פאר פארמעגנס; ער האט געהאט וויכטיגערע זאכן וואס צו טון ווי צו אנפילן זיין כאטקע מיט שיינע מעבל - ער האט נישט פארמאגט צופיל פון גארנישט. און אזוי ליגנדיג אויפ'ן טויטן בעט האט ער זיך ארומגעקוקט און געשמייכלט מיט צופרידנהייט וויסנדיג אז ער פארלאזט די וועלט, נישט איבערלאזנדיג גארנישט הינטער זיך.

און דאן פלוצלינג האבן זיינע אויגן אנגעטראפן א טאפ. עס איז געווען גאנץ אן ארעמער סארט טאפ, אזא סארט וואס ווערט פאבריצירט ווען מ'גייט ארויס אין הויף, מ'גראבט ארויס אביסל ליים, מ'פארעמט אויס א גריבל דערין מיט'ן פויסט און מ'לאזט עס טרוקענען אונטער די זון. למעשה, דער טאפ האט אים נישט געשטערט ווייל עס האט אים נישט געקאסט קיין געלט אדער צייט און ער האט געמאכט נוצן דערפון אסאך יארן. וואס האט אים יא געשטערט איז וואס עס איז געווען אינעם טאפ; עס איז געווען פול מיט זאפרען, א געווירץ. ריש לקיש שבק קבא דמוריקא - ער האט איבערגעלאזט א טאפ מיט זאפרען וואס ער האט געהאט געקליבן פון זיין גארטן א טאג פריער.

ווען ריש לקיש האט דאס געזען, האט עס אים שטארק געשטערט. די גמרא זאגט אז בשעת ער האט געהאלטן ביים שטארבן האט ער געגעבן א קרעכץ, וקרא אנפשיה, און ער האט געזאגט אויף זיך דעם פסוק: **וְעָזְבוּ לַאֲחֵרִים חֵילָם** - און זיי לאזן איבער זייער פארמעגן צו פרעמדע (תהלים מט:יא).

"אוי וויי," האט ער געקרעכצט, "איך לאז איבער מיין פארמעגן פאר אנדערע." דאס מיינט, "אויב וואלט איך געוואוסט אז איך וועל נישט לעבן גענוג לאנג דאס אויפצועסן, וואלט איך נישט פארפאטשקעט מיין צייט עס אפצורייסן פון גארטן." דאס איז געווען זיין חרטה וואס ער האט אויסגעדריקט אין זיינע לעצטע מינוטן. ער האט געזאגט **וְעָזְבוּ לַאֲחֵרִים חֵילָם** - "איך האב געארבעט אומזיסט."

אלזא, וויפיל צייט מיינט איר האט ריש לקיש פארברענגט אין גארטן? לאמיר זאגן אז אפשר פופצן מינוט, אפשר ווייניגער. איבער וואס האט ער געוויינט?! דער ענטפער איז אז ריש לקיש האט פארשטאנען דעם ווערד פון צייט; די דאזיגע פופצן מינוט זענען געווען פאר אים א ריזיגער פארלוסט! דערפאר האט ער פארלאזט די וועלט פול מיט חרטה אז ער לאזט עפעס איבער נאך זיך - ווייל דאס אייגנטום וואס א מענטש פארמאגט מיינט, אז ער האט אוועקגעגעבן צייט, און צייט איז לעבן.

## די חשיבות פון צייט

אלזא, צו אונז קען עס אויסזען איבערגעטריבן אבער דאס איז ווייל מיר פארשטייען נישט ווי חשוב די גרויסע לייט האבן געהאלטן יעדע מינוט פון זייער לעבן. פאר אונזערע גרויסע לייט וועלכע האבן פארשטאנען וואס עס מיינט צו קונה זיין אויף די וועלט, איז יעדע מינוט געווען אן אוצר. ריש לקיש האט זיכער געמאכט נישט אויפצוטוישן קיין שום מינוט פון זיין לעבן פאר זאכן וואס ער וועט נישט קענען מיטנעמען מיט זיך - ווי ווייט מעגליך האט ער אויסגענוצט יעדע מינוט

צו איינקויפן לעבן אויף אייביג.

עס ליגט דא א גרויסער מוסר השכל, ווייל מערסטנס מענטשן וואלטן געזאגט - און אויב נישט זאגן, טראכט מען עס - "פארוואס זאל דען ריש לקיש טראכטן נאר פון זיך און נישט וועלן עס זאל איבערבלייבן עפעס פאר זיינע דורות?" און דער ענטפער איז, מיר געפינען זיך אויף די וועלט צו טראכטן פון זיך.

אודאי, יעדער איז וויכטיג אבער וואס איז שייך צו דיר איז נישטא נאך עפעס אזוי וויכטיג ווי דיין אייגענע שלימות אין עבודת ה'. למעשה, דאס מיינט נישט אז א מענטש זאל נישט זארגן אויף זיין פאמיליע, אז ער זאל נישט שפייזן זיין פאמיליע. דאס איז אויך א טייל פון עבודת ה' אבער אויב ער האט דעם געפיל אז ער וויל זיי שפייזן, דאן על אחת כמה וכמה, וויפיל מער דארף ער זארגן אויף זיך - און די איינציגסטע זארג וואס איז וויכטיג איז וואס דו גרייטסט אן אויף עולם הבא.

דערפאר, מענטשן וואס זענען לייכטזיניג מיט זייער צייט, איז ווי זייווארפן ארויס געלט פון פענסטער. דו ביסט משוגע אויב דו נעמסט אפילו איין דאלער און דו ווארפסט עס ארויס פון פענסטער. שטעל זיך פאר דו נעמסט צען דאלער באנקנאטן, אדער צוואנציג דאלער באנקנאטן און דו לאזט עס צעבלאזן ווערן מיט'ן ווינט. דאס איז וואס עס מיינט צו פארפאטשקען צען מינוט און צוואנציג מינוט - דו פארפאטשקעסט טויזנטער דאלארן בלויז דורך עס לאזן לייכטזיניג פארפאלן גיין.

# חלק ג. אויסניצען די צייט

## אוועק הרג'נען צייט

יעדער ווייסט אז ווען די תורה זאגט אן '**לא תרצח**' - דו זאלסט נישט הרג'נען, גייט דאס ארויף אויף אויף אן אלטער מענטש. אפילו אויב ער איז 119 יאר אלט און ער האט בלויז איין מינוט פארבליבן צום לעבן, אויב ווען דו עסטו ענדיגן זיין לעבן ביסטו א שופך דמים אין פולן זין פון ווארט. אויב זענען דא עדים און התראה, וועט דיר דער בי"ד פסק'נען למיתה פאר'ן חטא פון בארויבן איין מינוט פון לעבן פון יענער מענטש, פונקט ווי ווען דו וואלטסט אפגעהאקט הונדערט און צוואנציג יאר פון איינעם'ס לעבן.

וואס דאס מיינט פאר אונז איז אז "דו זאלסט נישט הרג'נען," מיינט נישט נאר צו אוועקנעמען א לעבן - עס מיינט אויך אוועקצונעמען אפילו איין מינוט פון איינעם'ס לעבן. און איבער דעם רעדן מיר דא אין דעם שיעור.

דאס אייגנטום פון צדיקים איז אזוי טייער ביי זיי ווייל זיי פארשטייען אז עס נעמט צייט, עס נעמט מינוטן, צו פארדינען געלט, און זיי פארשטייען ווי טייער איז איין מינוט פון לעבן, צו קענען קונה זיין אויף די וועלט. דאס איז די סיבה פארוואס א מענטש ווערט באטראכט ווי אן אמת'ער רוצח אויב ער נעמט אוועק איין מינוט פון א צווייטן.

## געלעגנהייטן קענען נישט פארפאטשקעט ווערן

לאמיר זאגן א מענטש קומט אויף די וועלט פאר בלויז געציילטע סעקונדעס און אין די קורצע

צייט עפנט ער זיינע אויגן און ער זאגט, "מָה רַבּוּ מַעֲשֶׂיךָ ה' - ווי פיל זענען דיינע ווערק, באשעפער!" און דערנאך שטארבט ער. דער מענטש האט געלעבט פאר זייער א גרויסן ציל! **"יש קונה עולמו בשעה אחת"** - א מענטש קען קונה זיין אלעס אין איין מינוט פון לעבן (עבודה זרה יז.).

ווייל וואס איז לעבן? לעבן איז א געלעגנהייט צו טון זאכן, צו אויפטון! און אז דו נעמסט דאס לעבן, די מינוטן, און דיווארפסט עס אוועק, איז עס רציחה, ס'איז מערדעריי. אום מוצאי שבת אין די לאנגע נעכט ווען דו גייסט אריין אין דיין קאר צו באזוכן דיינע קרובים אין בארא פארק אדער איפלעטבוש און דו פארברענגסט דארט שעות מיט רעדן, דאס איז זעלבסטמערדעריי, און אויב דו נעמסט מיט דיין ווייב איז עס רציחה. אויב איר וועט ביידע זיך אראפזעצן אין דיינינג רום, דו און דיין ווייב און ער און זיין ווייב, און איר רעדט און רעדט, ביסטו א רוצח, אן קיין ספק.

## צייט איז פון באשעפער

מיר קוקן נישט דערויף אויף דעם וועג ווייל מיר זענען צוגעוואוינט צו נאכגיין אין די פיסטריט פון די אומדורכגעטראכטע מאסן וואס עס גייט זיי נישט אן אויב זיי פארפאטשקען זייער צייט. מיר מיינען אז צייט געהערט צו אונז. פונקט ווי מיר טראכטן אז "אונזערע" פכים קטנים געהערן צו אונז, מיינען מיר אז אויך אונזערע מינוטן געהערן צו אונז.

אבער דא קומט דוד המלך און זאגט, **בְּיָדְךָ עִתֹּתָי** - "אין דיינע הענט, באשעפער, זענען מיינע צייטן" (תהלים לא:טז). דאס מיינט אנדערע זאכן אויך אבער עס רעכנט אריין דעם געדאנק: "אלע מיינע צייטן געהערן צו דיר, באשעפער - זיי זענען נישט מיינס."

דאס מיינט, "אלע מיינע מינוטן זענען אין דיין האנט, באשעפער." און אויב איך נעם ארויס פון דיין האנט נאך א מינוט, נאך א דיאמאנט, און איך נעם עס אוןווארף עס ארויס פון פענסטער, זאגט דער באשעפער, "אוי, איז דאס א חוצפה! איך געב דיר א טייערע מתנה פון יעדע מינוט - ס'איז בידי, ס'איז אין מיינע הענט, און דו נעמסט עס פון מיר און פארפאטשקעסט עס?!"

ס'איז נישטא קיין צייט צו פארפאטשקען מינוטן! **היום קצר** - דער טאג איז קורץ, **והמלאכה מרובה** - און עס איז דא אזויפיל ארבעט, **ובעל הבית דוחק** - און עס איז דא א בעל הבית וואס דריקט אונז. ער וויל מיר זאלן אויפטון און ער איז אויף גארנישט מוותר. דוחק מיינט, ער דריקט אויף אונז - ער וויל זען רעזולטאטן. "איך געב דיר די צייט פאר א צוועק," זאגט דער באשעפער, "און דו דארפסט מיר ווייזן עפעס דערפאר."

## ווידוי פון א גאון

די מתנה פון צייט וואס מיר באקומען פון באשעפער איז א געוואלדיגע געלעגנהייט, אבער ס'איז אויך א געוואלדיגע אחריות. דו דארפסט פארשטיין אז עס וועט זיין א דין וחשבון. איך האב שוין אמאל פארציילט די מעשה. דער זון פונעם גר"א זצ"ל האט געזען זיין טאטן מיט זיין טלית איבער זיין קאפ זאגנדיג ווידוי אום יום כיפור. אלזא, ווען מען זאגט ווידוי, ווען מען זאגט על חטא, זאגט מען נישט בלויז זאכן וואס זענען געדרוקט אין מחזור - יעדער מענטש דארף צולייגן זיינע אייגענע זינד. אלעס וואס דו געדענקסט, דארפסטו צולייגן צווישן די שורות.

דער זון האט געוואלט הערן, וואס זענען די זינד פון זיין פאטער? אונזערע זין זאלן דאס נישט טון צו אונז; מען ווייסט נישט וואס זיי קענען אלץ הערן. אבער דער זון, זיין טאטע איז געווען דער

ווילנער גאון, האט ער געטראכט אז עס שאדט נישט ער זאל הערן זיין טאטן'ס זינד. האט ער אונטערגעשטופט זיין קאפ אונטער'ן טלית און ער האט געזען זיין פאטער וויינען; ער האט ביטערליך געיאמערט. איבער וואס? זיין פאטער האט געוויינט איבער פינף מינוט וואס ער האט פארפאטשקעט דורכאויס די יאר. אלזא, איך ווייס נישט ווי אזוי ער האט פארפאטשקעט די פינף מינוט, איך קען אייך דאס נישט זאגן, אבער ער האט ביטערליך געיאמערט איבער די פינף מינוט פון ביטול זמן.

וואס קען מען טון אין פינף מינוט? ס'איז ענדלאז! אויב קענסטו לערנען אדער דו קענסט לערנען ווי אזוי צו לערנען, איז נישטא קיין שאלה ווי טייער א מינוט איז. דער באשעפער האט געגעבן דאס לעבן מיט'ן ציל פאר תורה; ווי עס שטייט אפן, **כִּי הוּא חַיֶּיךָ וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ** - די תורה איז דיין לעבן. פארשטיי נישט אומריכטיג די ווערטער; ס'איז נישט א כלליות'דיגער דערהער אז דיין לעבן זאל זיין א תורה'דיגע לעבן. דאס מיינט, אז אפילו א קליין ביסל תורה, יעדע מינוט פון תורה, איז דיין לעבן אויף אייביג.

## יעדע איבריגע מינוט

אין קעלמער ישיבה ווען די בחורים פלעגן אהיימגיין ביינאכט, איז דאס געווען נאך א לאנגער טאג הארעווען אין לערנען. זיי זענען אהיים שפעט ביינאכט צו זייערע אכסניות, וואו זיי פלעגן איינשטיין צום שלאפן. אבער ווי נאר זיי זענען אנגעקומען צו זייערע אכסניות פלעגן זיי צוריקגיין צו די ישיבה פאר פינף מינוט! יעדער איז צוריקגעקומען אין ישיבה; זיי האבן ספעציעל געמאכט דעם וועג פון די אכסניות צום בית המדרש צו לערנען פאר נאך פינף מינוט. פינף מינוט לערנען און דערנאך זענען זיי צוריק אהיים.

צוליב וואס האבן זיי דאס געטון? איז דאס געווען א שפיל? אה ניין, דאס איז געווען חינוך! עס איז געווען צו טרענירן דעם מח; זיי צו לערנען אז פינף מינוט לערנען איז ווערד צו קומען דערפאר צו די ישיבה. אויב דו קענסט לערנען פינף מינוט, דריי מינוט, איין מינוט, איז עס שוין א זייער וויכטיגע דערגרייכונג.

איך וויל אייך עפעס ערקלערן - אויב זענט איר זייער אמביציעז, האב איך אייך עפעס צו זאגן. אויב וועט איר זיך לערנען ווי אזוי אויסצוניצן אייערע איבריגע מינוטן, קענט איר לערנען א גאנצע מסכת אין אפאר מינוט. האלט א גמרא גרייט און ווען איר האט אפאר מינוט, עפנט עס און לערנט אפאר שורות. אויב פארשטייט איר עס, איז גוט. אויב נישט, מאכט א צייכן מיט א בליי אין די זייט, אז ערגעץ שפעטער, וועט איר צוריקקומען און עס אויפקוקן און מער אריינטראכטן דערין. איר וועט זיין איבערראשט וויפיל איר קענט אויפטון מיט די צייט וואס מענטשן פארפאטשקען געווענליך. מיט די יארן וועט איר צונויפזאמלען אן אויסערגעווענליכע סך הכל פון א פארמעגן. דאגעגן, אויב איר פארפאטשקעט די צייט וואס איר וואלט געקענט אויסניצן צו לערנען, נישט נאר וואס דאס באדייט אוועקווארפן דיאמאנטן, מיינט עס אויך באאנגען זעלבסטמארד.

## די סכנה פון טעלעפאנען

אצינד, לאמיר זאגן איר זענט נישט קיין לערנער אדער איר ווילט נישט יעצט לערנען, איז נאך אלץ דא עפעס זייער וויכטיג וואס איר קענט אויפטון מיט אייערע מינוטן. און דאס איז, טראכטן! יעדער האט די מעגליכקייט צו לעבן א רייכע און ווערדפולע לעבן אויב מען לערנט זיך צו ניצן די

מינוטן צו טראכטן פון אלע געוואלדיגע השקפות אין די תורה. און דאס איז עפעס וואס איז אזוי וויכטיג, ס'איז אזא געוואלדיגע געלעגנהייט, עס מאכט יעדע מינוט פון דיין לעבן אומשאצבאר.

דאס איז א זאך וואס יעדער קען טון! פרויען אינדערהיים, מענער אין זייער אפיס, אינגלעך און מיידלעך אויפ'ן גאס, דער כולל יונגערמאן אין כולל און דער ארבעטער אין פאבריק, אלע האבן א גלענצנדע אויפגאבע פאר זיך פון ניצן זייערע מינוטן פון לעבן צו שטייגן הויעך. דערפאר זאל קיינער קיינמאל נישט קלערן פון "אפ'הרג'נען די צייט" אויפ'ן טעלעפאן - ס'איז סם! דער טעלעפאן דארף האבן א סימבאל פון סם ארויפגעפארבט דערויף. ס'איז רציחה, ס'איז זעלבסטמארד, צו פארפאטשקען טייערע מינוטן אויפ'ן טעלעפאן.

## לייג א דיאמאנט אין דיין טאש

אט איז א מאמע אין קאך און זי מישט א טאפ אדער אפשר קערט זי אויס די ערד; סיי וואס זי טוט, קען זי אויסניצן די טייערע מינוטן וואס זענען איר איבערגעגעבן געווארן פון האנט פון באשעפער פאר א גלענצנדע דערגרייכונג. צום ביישפיל, לאז איר טראכטן איבער מעמד הר סיני. דער רמב"ם אין זיין אגרת תימן זאגט אז עס איז א מצוה נישט צו פארגעסן מעמד הר סיני; צו טראכטן איבער וואס עס האט פאסירט אין דעם טאג.

צי האט איר שוין אמאל געטראכט דערפון אין אייער קאך? אפשר שבועות. אפשר. ס'איז א מצוה צו טראכטן פון מעמד הר סיני פון מאל צו מאל בשעת'ן אויסקערן. עס האט פאסירט איין מאל אין די היסטאריע; וויינינגסטנס צוויי מיליאן מענטשן זענען געשטאנען ביים הר סיני און געהערט דאס קול פון באשעפער. **הֲשָׁמַע עָם קוֹל אֱלֹקִים** - צי האט א פאלק אמאל געהערט דאס קול פון ה', **כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתָּ אַתָּה** - ווי דו האסט עס געהערט (דברים ד:לג)?! דאס איז געווען א וואונדערליכע איבערלעבעניש! איין מינוט צו טראכטן פון מעמד הר סיני, און דו האסט אריינגעלייגט א דיאמאנט אין דיין טאש וואס קען נישט געקויפט ווערן פאר קיין שום געלט אין די וועלט!

אלע פון אונז, מענער און אינגלעך, פרויען און מיידלעך, מיר אלע קענען אויפטון גרויסע זאכן יעדע מינוט פון אונזער לעבן. אודאי קענען מיר נישט גלייך ערווארטן פון זיך אזויפיל. ס'נעמט טרעניראונג פאר'ן מח, פון כאראקטער ווייל אין נאטור זענען מיר פויל; ס'איז גרינגער נישט צו טראכטן בכלל. אבער יעדער קען כאטש אנהייבן זיך ארויסלאזן אויפ'ן וועג צום שלימות; אפילו אויב דו טראכסט נישט א גאנצע צייט, אפילו אויב דו פארפאטשקעסט אסאך צייט, אויב וועסטו אפגעבן איין מינוט פון טראכטן איז עס שוין א גרויסע דערגרייכונג.

## אן אויסוואל פון מחשבות

און דערפאר, ווייל ס'איז אזוי וויכטיג צו לערנען וואס צו טון מיט איבריגע צייט, וועלן מיר אפגעבן דעם לעצטן טייל פון אונזער שיעור אויסצושמועסן אפאר פראקטישע ביישפילן, בלויז צו פארשטיין אביסל דעם געדאנק פון וואס עס איז ערווארטעט פון אונז. און סיי ווער, וואס עס גייט אים אן זיין צוקומפט אין עולם הבא, זאל מאכן א ליסטע פון וויכטיגע נושאים וואס ווערן באטאנט אין די תורה און זיין צוגעגרייט צו טראכטן דערפון סיי ווען ער האט איבריגע צייט.

פארוואס דערציילט אונז די תורה פון סדום? פארוואס דערציילט אונז די תורה פון די מן? פארוואס דערציילט אונז די תורה פון קריעת ים סוף? איבער אברהם, יצחק און יעקב? פון די

אמהות? פארוואס ווערן דערציילט אלע פאסירונגען פון דאס אידישע פאלק אין מדבר?

צי האט איר אמאל גענומען די צייט צו טראכטן איבער די זאכן? איר מוזט טראכטן פון די זאכן! וואס איז דער באווייז אז מיר זענען מחויב? ווייל עס שטייט אין די תורה. די אלע זאכן זענען געשריבן געווארן אין די תורה כדי מיר זאלן שטענדיג טראכטן דערפון און עס געדענקען - צו טראכטן דערפון איז געלערנט תורה.

אפילו ווען דו האלטסט זיך אן אינעם שטאנג אין די סאבווע"ין, פארמאך דיינע אויגן, האלט אן דיין טייסטער און טראכט איבער יציאת מצרים. יא! **לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ** (דברים טז:ג). דו האסט קיינמאל נישט געטראכט דערפון? אינמיטן טאג, טראכט פון יציאת מצרים. טראכט פון די ערד וואס עפנט איר מויל צו איינשלינגען קרח. טראכט פון משה רבינו און אהרן הכהן. טראכט פון גן עדן. טראכט איבער עקידת יצחק.

טראכט פון דער מבול. דער מבול איז געקומען מיט א צוועק עס צו געדענקען. דאס לערנט אונז דעם יסוד פון שכר ועונש. און כאטש דער באשעפער האט צוגעזאגט מער נישט צו שיקן א מבול פון וואסער, אבער א מבול פון אש קען ער נאך שיקן חס ושלום. ער האט דאס געטון נאכאמאל און נאכאמאל. די שטאט פון פאמפיי איז באגראבן געווארן אונטער א מבול פון פייער. אש איז געפאלן אויף די שטאט און חרוב געמאכט די גאנצע שטאט. צען טויזנט מענטשן זענען דארט באגראבן געווארן; עס איז געווען א מבול פון אש.

אלזא, צו טייל מענטשן זעט דאס אויס איבריג; זיי ווילן נאר טראכטן אין א סוגיא. זייער גוט; אויב דו ווילסט טראכטן פון א מחלוקת פון ייאוש שלא מדעת, גוט, זייער גוט. אבער סיי וואס דו טראכסט, דער עיקר ציל פון די ווערטער איז אז דאס לעבן זאל אויסגענוצט ווערן; מיר האבן אזויפיל צו אויפטון יעדע מינוט.

## זיך לערנען פון יעקב

און דאס איז די גרויסע לערע וואס יעקב האט פארשטאנען; די ערליכע מענטשן האבן ליב זייער געלט מער ווי זיי האבן ליב זייער קערפער, ווייל "געלט איז צייט" און עס איז נישטא אזא טייערע זאך אין די וועלט ווי צייט.

איינמאל מיר פארשטייען וואס יעקב האט געוואוסט, וועלן מיר בלייבן זיצן אינדערהיים אנשטאט ארומצופארן. מיר וועלן זיך נישט ארייננזעצן אין קאר און ארומפארן צו פארפאטשקען אונזערע לעבנס. מיר קענען נישט; ס'איז דא אזויפיל וואס צו טון. אויב דו ווילסט טון איבונגען ועסטו ארויסגיין אין גאס כאפן א שפאציר; וועסט אריינאטעמען פרישע לופט און בשעת דו גייסט קענסטו טראכטן - אויסער ווען דו דארפסט אריבערגיין די גאס; דאן וועסטו מאכן זיכער צו קוקן אויף ביידע זייטן און גלייך צוריקגיין צו דיינע מחשבות. וויבאלד דו קומסט אן אויפ'ן צווייטן זייט גאס ביסטו צוריק צו דיינע טייערע מחשבות.

ס'איז א גלענצנדע באשעפטיגונג! און איך בין ערנסט דערמיט; שאצט נישט אונטער וואס איר הערט דא. אנשטאט צו נעמען די מינוטן, די דיאמאנטן, און זיי אוועקווארפן, טוסטו זיי איינקאסירן און יעדן טאג ווערסטו רייכער און רייכער. די מחשבות זענען דיינע טייערסטע דערגרייכונגען אויף די וועלט און דאס גאנצע רייכטום וואס דו קויפסט איין אויף די וועלט וועלן זיין דיין בעסטע אייגנטום ווען דו קומסט ארויף צום עולם הבא נאך די הונדערט און צוואנציג.

# שאלות ותשובות

## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

**שאלה:**

**דער רב האט געזאגט אז אלעס וואס פאסירט אין די וועלט איז מיט א ציל, עס איז נישטא קיין צופאל און מיר דארפן לערנען דערפון א מוסר השכל. אבער אויב איינער זעט עפעס אדער באמערקט עפעס און ער טראכט אז ער נעמט ארויס דערפון א לערע, ווי אזוי ווייסט ער אז וואס ער נעמט ארויס דערפון איז טאקע דער ריכטיגער מוסר השכל?**

**תשובה:**

די שאלה וואס ווערט געפרעגט איז, אז אויב זאכן פאסירן אין די וועלט אדער זאכן וואס עקזיסטירן אין די וועלט זענען מיט א ציל זיך צו לערנען דערפון, דאן ווי אזוי קען יעדער וואס פראבירט צו אפלערנען דערפון א מוסר השכל זיין זיכער אז ער לערנט אפ די ריכטיגע לערע?

דער ענטפער איז אז א מענטש זאל פראבירן. דער יסוד איז, אז בדרך שאדם רוצה ללכת מוליכין אותו - אויף דעם וועג וואס א מענטש וויל גיין, העלפט אים דער באשעפער ער זאל מצליח זיין. איז אויב ער פראבירט, וועט ער האבן עפעס הצלחה. נישטא קיין ספק אין דעם.

אויב א מענטש פראבירט צו טון עפעס גוטס און אפלערנען די דרכי ה' פון וואס ער זעט אין נאטור אדער פון די פאסירונגען וואס קומען פאר אין די וועלט, דאן אפילו אויב ער מאכט א טעות וועט עס קיינמאל נישט זיין צו שלעכט ווייל דער באשעפער ווייסט אז זיינע כוונות זענען גוטע און מער ווייניגער וועט ער מצליח זיין. מער ווייניגער וועט ער מצליח זיין.





**די שענסטע 'חנוכה מתנה'**

פאר אייערע עלטערן, קינדער, אייניקלעך

**תורת אביגדור עה"ת באידיש**

**צו קויפן 10 אדער מער באקומט האלסעיל פרייז 615-680-9029**